בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וירא תשע"ז | גליון 384 [שנה ח']

**פארוואס דריי מלאכים**

וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו: (יח ב) זאגט רש"י, –פארוואס דריי מלאכים?– אחד לבשר את שרה ואחד להפוך את סדום ואחד לרפאות את אברהם, שאין מלאך אחד עושה שתי שליחיות. דארף מען פארשטיין פארוואס איז שוין יעצט געקומען דער מלאך וואס דארף איבערדרייען סדום מיט די צוויי אנדערע מלאכים? נאר מיר ווייסן אז אברהם איז דער עמוד– זייל– פון חסד און האט געטאן חסד מיט אלעמען, ממילא צוליב אברהם'ס חסד וואלט דער אויבערשטער נישט איבער געדרייט סדום, אבער אז מען האט געשיקט א מלאך וואס איז געקומען מבשר זיין אז שרה וועט געבוירן יצחק וואס איז גבורה און מדת הדין, ממילא וועט מען שוין קענען איבער דרייען סדום וועגן דעם איז שוין מיט געקומען דעם מלאך להפוך את סדום. (תפארת שלמה ראדאמסק)

**פארוואס ביי אברהם שטייט נישט לינו**

יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר תַּעֲבֹרוּ כִּי־עַל־כֵּן עֲבַרְתֶּם עַל־עַבְדְּכֶם וַיֹּאמְרוּ כֵּן תַּעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ: (י"ח ד–ה) לכאורה איז שווער פארוואס ביי לוט שטייט אז ער האט געבעטן די מלאכים "וְלִינוּ", וַיֹּאמֶר הִנֶּה נָּא־אֲדֹנַי סוּרוּ נָא אֶל־בֵּית עַבְדְּכֶם "וְלִינוּ וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם" וְהִשְׁכַּמְתֶּם וַהֲלַכְתֶּם לְדַרְכְּכֶם וַיֹּאמְרוּ לֹּא כִּי בָרְחוֹב נָלִין: (יט ב) און אברהם האט זיי נישט געבעטן "וְלִינוּ" נאר "וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם"? אויך דארף מען פארשטיין וואס אברהם זאגט די מלאכים אַחַר תַּעֲבֹרוּ, נאכן עסן וועט איר גיין, און נישט נעכטיגן דא, כִּי־עַל־כֵּן עֲבַרְתֶּם עַל־עַבְדְּכֶם, ווייל איר זענט נישט געקומען דא נעכטיגן, ווי אזוי האט ער דאס געוואוסט? נאר עס זענען דא צוויי סארטן געסט, איינס איז א ארימאן וואס גייט ארום פון פלאץ צו פלאץ און האט צייט און האט ליב צו שמועסן, און עס איז דא א גאסט, וואס ער איז א חשובע ארימאן וואס איז נישט אינטערעסירט מען זאל אים פרעגן פון וואו ער איז און וואו ער דארף גיין, ממילא אברהם האט געזען די גאנצע ענין ווי זיי אנטלויפן פון אים און ווען ער איז זיי נאכגעלאפן האט ער שוין פארשטאנען אז זיי זענען חשובע עסט און ווילן זישט איבער נעכטיגן ביי אים דעריבער האט ער נאר געבעטן זיי זאלן עפעס עסן, און מיט דעם איז גוט כִּי עַל כֵּן עֲבַרְתֶּם עַל עַבְדְּכֶם, איך פארשטיי אז מיט דעם וואס איר זענט אוועק געלאפן פון מיר איז א סימן אז איר ווילט נישט איבער נעכטיגן דעריבער אַחַר תַּעֲבֹרוּ, איך וועל אייך לאזן גיין נאכן אפעסן, וַיֹּאמְרוּ כֵּן תַּעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ, דאס איז טאקע געווען אונזער כוונה, נישט אונז פרעגן און נישט איבער נעכטיגן. (תפארת ישראל – הר' ישראל שיינקמאן, מגיד מישרים בעיר קובנא)

**צו אברהם זענען זיי געקומען ווי מענטשן**

וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם: (י"ח ד) זאגט רש"י: כסבור שהם ערביים שמשתחוים לאבק רגליהם והקפיד שלא להכניס עבודה זרה לביתו. ער האט געמיינט זיי דינען פרעמדע אפגעטער און האבן שטויב אויף זייער פיס. שטעלט זיך א קשיא אז די תורה איז מעיד אז אברהם איז א נביא, אזוי ווי מען זעט אז דער מלאך האט געזאגט אבימלך, וְעַתָּה הָשֵׁב אֵשֶׁת־הָאִישׁ כִּי "נָבִיא" הוּא, (בראשית כ ז) אויב אזוי ווי אזוי האט אברהם געמיינט אז זיי זענען ערביים? נאר דער תירוץ איז אז דער אויבערשטער האט געזען ווי אברהם האט צער אז עס איז נישטא קיין אורחים, האט דער אויבערשטער געמוזט פארהוילן פון אברהם זיין נבואה און ער זאל מיינען אז דאס זענען פשוטע מענטשן אים צו בארוהיגן אז ער האט געטראפן אורחים, און נאך אזאך צו ווייזן אז אברהם איז געווען א אמת'ע מכניס אורח און זיך געפריידט און אריינגענומען אפילו אזעלכע פשוטע אורחים. און דאס שטייט אין חז"ל אז צו אברהם האבן די מלאכים זיך באוויזן ווי מענטשן, וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים, און ביי לוט ווי מלאכים, וַיָּבֹאוּ שְׁנֵי הַמַּלְאָכִים סְדֹמָה (יט א), און דאס איז אויך כדי צו ווייזן דעם גנות פון לוט אז נאר ווייל זיי זענען געווען מלאכים האט ער זיי אריינגענומען אבער ווען זיי וואלטן אויסגעזען ווי מענטשן וואלט לוט זיי נישט אריינגענומען. (פנינים מפז בשם הרה"ק ר' יצחק מוואורקא זצוק"ל) זיינע הייליגע רייד קען מען אויך צולייגן א חידוש: דאס פארוואס ביי אברהם שטייט אנשים און ביי לוט מלאכים? איז ווי געזאגט, אבער פארוואס שטייט ביי אנשי סדום וַיִּקְרְאוּ אֶל־לוֹט וַיֹּאמְרוּ לוֹ אַיֵּה "הָאֲנָשִׁים" (יט ה) און נישט מלאכים, ווייל פאר לוט איז דערמאנט מלאכים צו ווייזן די שאנדע פון לוט, אבער פאר די נידעריגע מענטשן פון סדום איז נישט געווען קיין ענין זיי זאלן זוכה זיין צו זען א מלאך, דעריבער האבן זיי נאר געזען אֲנָשִׁים. (שמח זבולון)

**וואס מיינט תחת העץ**

וַיִּקַּח חֶמְאָה וְחָלָב וּבֶן־הַבָּקָר אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ: (יח ח) פארוואס שטייט וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם וואס איז מיר א נפקא מינה? אויך איז שווער וואס דארף שטיין תַּחַת הָעֵץ וואס איז די נפקא מינה וואו זיי האבן דאס געגעסן? נאר עס שטייט אין מדרש (שמות רבה פי"ט פרשה כח:) אויפן פסוק בהר האלקים ווען משה האט געוואלט געבן די הייליגע תורה צו די אידן, האבן די מלאכים געוואלט טשעפן משה, האט דער אויבערשטער געמאכט אז משה רבינו זאל אויסזען ווי אברהם אבינו, און געזאגט: איר שעמט זיך נישט פון אברהם, וואס איר האט געגעסן ביי אים אין שטוב. אמר הקב"ה למשה: לא נתנה לך תורה אלא בזכות אברהם ע"כ המדרש. איז יעצט פלא פלאים דעם פסוק. וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם אברהם האט געוואלט מאכן זיכער אז זיי עסן. פארוואס תַּחַת הָעֵץ וועגן די תורה וואס ווערט אנגערופן עץ, עֵץ–חַיִּים הִיא, לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ, (משלי ג יח) דעריבער וַיֹּאכֵלוּ, ער האט זיכער געמאכט אז די מלאכים עסן און דורך דעם וועלן די אידן באקומען די תורה. (שמח זבולון)

**וואס מיינט וְהוּא אַחֲרָיו**

וְשָׂרָה שֹׁמַעַת פֶּתַח הָאֹהֶל וְהוּא אַחֲרָיו: לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה לֵאמֹר הַאַף אֻמְנָם אֵלֵד. (י"ח י –י"ג) איז שווער וואס מיינט וְהוּא אַחֲרָיו, און פארוואס האט שרה געלאכט אויב זי האט געהערט דער מלאך זאגט בשם ה'? נאר עס שטייט אז שרה איז געווען א גרעסערע נביאה פון אברהם און זי האט געזען בנביאות אז זי וועט זוכה זיין צו אויך צו יעקב, דאס מיינט וְהוּא יעקב "אַחֲרָיו" וועט זיין נאך יצחק. דאס מיינט הַאַף "אֻמְנָם" אֵלֵד, און רש"י זאגט אֻמְנָם מיינט "אמת". וואס איז מרומז אויף יעקב, תתן אמת ליעקב. ממילא איר לאכן איז געווען א פרייד וועגן יעקב, און ביי דער בשורה האט נאר שרה געזען און נישט אברהם. (דברי ישראל מאדזיץ)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ז - מה ידידות**

דער מחבר פון דעם איז מנחם, עם איז נישט באקאנט ווער דאס איז.

מַה יְּדִידוּת מְנוּחָתֵךְ אַתְּ שַׁבָּת הַמַּלְכָּה, בְּכֵן נָרוּץ לִקְרָאתֵךְ בּוֹאִי כַלָּה נְסוּכָה, לְבוּשׁ בִּגְדֵי חֲמוּדוֹת, לְהַדְלִיק נֵר בִּבְרָכָה, וַתֵּכֶל כָּל הָעֲבוֹדוֹת לֹא תַעֲשׂוּ מְלָאכָה. לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים. מֵעֶרֶב מַזְמִינִים כָּל מִינֵי מַטְעַמִּים, מִבְּעוֹד יוֹם מוּכָנִים תַּרְנְגוֹלִים מְפֻטָּמִים, וְלַעֲרוֹךְ כַּמָּה מִינִים, שְׁתוֹת יֵינוֹת

מְבֻשָּׂמִים, וְתַפְנוּקֵי מַעֲדַנִּים בְּכָל שָׁלשׁ פְּעָמִים. *לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים.*
נַחֲלַת יַעֲקֹב יִירָשׁ בְּלִי מְצָרִים נַחֲלָה, וִיכַבְּדוּהוּ עָשִׁיר וָרָשׁ וְתִזְכּוּ לִגְאֻלָּה, יוֹם שַׁבָּת אִם תִּשְׁמֹרוּ וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה, שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבוֹדוּ וּבַשְּׁבִיעִי נָגִילָה. *לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים.*
חֲפָצֶיךָ אֲסוּרִים וְגַם לַחֲשׁוֹב חֶשְׁבּוֹנוֹת, הִרְהוּרִים מֻתָּרִים וּלְשַׁדֵּךְ הַבָּנוֹת, וְתִנּוֹק לְלַמְּדוֹ סֵפֶר לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת, וְלַהֲגוֹת בְּאִמְרֵי שֶׁפֶר בְּכָל פִּנּוֹת וּמַחֲנוֹת, *לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים.*
הִלּוּכָךְ תְּהֵא בְנַחַת עוֹנֶג קְרָא לַשַּׁבָּת, וְהַשֵּׁנָה מְשֻׁבַּחַת כְּדַת נֶפֶשׁ מְשִׁיבַת, בְּכֵן נַפְשִׁי לְךָ עָרְגָה, וְלָנוּחַ בְּחִבַּת כַּשּׁוֹשַׁנִּים סוּגָה בּוֹ יָנוּחוּ בֵּן וּבַת, *לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים.*
מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה כָּל הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ יִזְכּוּ לְרוֹב שִׂמְחָה מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יֻצָּלוּ לִרְוָחָה פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה. *לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים בַּרְבּוּרִים וּשְׂלָיו וְדָגִים.*

עס זענען דא זעקס פעלער וואס דער ר"ת איז ממנחה"מ, איז לכאורה שווער ווי שטימט די ר"ת מנחם וואס איז שלא כסדרן! לפי נוסח קארלין סטאלין איז די פאל מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא פאר הִלּוּכָךְ תְּהֵא בְנַחַת, שטימט גוט ווייל די פיר מיטעלסטע פעלער איז די ר"ת מנח"ם און די ערטע און לעצטע פאל איז מַה, וואס איז דעם ערשטן ווארט פון זמר. א טיפער זמר וועגן די זיסקייט פון שבת און אויך דינים און מנהגים וואס באשיינט דעם הייליגן שבת. (המשך יבא בגליון הבא)

## מדור העובדות
## דער צדיק נסתר רייגעוואשט א איד פון א שווערע משפט חוץ לדרך הטבע



הצדיק הנסתר ר' יוסף וואלטוך בן ר' שמחה בונים איז געווען א צדיק נסתר און א איש פלא. א אייניקל פון דעם הייליגן זלאטשובער מגיד ר' יחיאל מיכל זצוק"ל, ער האט זיך געדרייט ביי הרה"ק ר' שלמק'ע זוויהעלער און המקובל ר' משה יאיר ווינשטאק, וואס האט אים געשיקט צו המקובל הקדוש ר' חיים סאנוואני זצוק"ל. ער איז געווען נאנט מיט אלע צדיקים וואס האבן ארויס געוויזן צו אים גרויס שעצונג. עס איז לעצטענ'ס ארויס א ספר הצדיק הפלאי אויף ר' יוסף וואס דערציילט וועגן א צדיק וואס האט געלעבט אין דעם דור און ווי הויך ער האט דערגרייכט אין מדריגות.

ר' חיים פון ירושלים איז געווען נאנט מיט ר' יוסף און האט דערציילט: עס איז געווען א איד אין לונדון וואס האט געהאט געוואוינט אין א הויז פון גוי וואס האט נאר געזוכט אנמאכן צרות פארן איד און כסדר ארויס געריסן אומשולדיגע געלט פון איד אבער ער האט גארנישט געקענט טאן וועגן דעם און האט אזוי געוואוינט דארטן און משלים געווען מיט די מציאות. איין טאג איז אנגעקומען בטעות פארן גוי א גאר גרויסע טשעק פון א גרויסן פירמא און דער איד האט מחליט געווען יעצט וועט ער אפטאן דעם גוי און צוריק באקומען די אלע געלטער וואס ער האט אים באגנבעט, און איז אריין אין באנק און אוים געלייזט דעם טשעק און געמאכט א שווייג.

עס איז אריבער א שטיק צייט און דער איד הערט גארנישט און פריידט זיך אז ער האט אפגעטאן דעם גוי, אבער ויהי היום באקומט דער איד א בריוו פון גוי אז ער רופט אים צו משפט ווייל ער האט געגנבעט זיין טשעק און אין דער בריוו שרייבט ער קלאר אז עס איז דא קלארע ראיות נגד אים, און דער גוי לייגט צו אז ער וועט אריינלייגן אין אלע צייטונגן דעם פארברעך, און עס ווערט שלעכט פארן איד.

די משפחה האט זיך אריינגעלייגט און גענומען א גוטן עורך דין וואס זאל זיך אריינלייגן אין דעם ענין און דער עורך דין פרובירט וואס ער קען טאן, אבער אלעם איז שווארץ אויף ווייס מיט קלארע הוכחות. דערווייל נענטערט זיך דעם יום המשפט וואס איז געשטימט אויפן ערשטן טאג חול המועד פסח, און דער עורך דין האט געזאגט אז א שטראף וועט ער מוזן באקומען נאר ער וועט פרובירן צו וייכער מאכן דעם עונש ביים משפט.

אבער מער ווי תפילות איז נישטא, און מען נעמט זיך מתפלל זיין, ווען איינער פון די משפחה האט זיך דערמאנט אין זיין באקאנטע ר' חיים וואס איז נאנט מיט ר' יוסף וואלטוך און ער האט געהערט אז ער טוט וואונדערליכע זאכן, ער נעמט זיך שנעל רופן ר' חיים און דערציילט אים די גאנצע מעשה. ר' חיים זאגט ער וועט איבערגעבן פאר ר' יוסף און זיי לאזן וויסן וואס ער האט געזאגט. און האט איבערגעגעבן פאר ר' יוסף דער גאנצע מעשה. ר' יוסף פלעגט זין א אפטע גאסט ביי ר' חיים און וויבאלד



ער האט סיי ווי געדארפט זיין ביי ר' חיים ביים סדר נאכט, ממילא זאגט ר' יוסף צו ר' חיים אז ער זאל איבערגעבן פאר זיין ידיד אין לונדון אז ער וועט זען צו טאן אז דער איד זאל ארויסגיין אינגאנצן זכאי פון משפט! ער וויל נאר וויסן דעם נאמען פון שופט און פון דער גוי און ער וועט שוין טאן וואס ער דארף.

ר' חיים לאזט וויסן די משפחה אז ר' יוסף האט געזאגט קלארע רייד און זיי קענען האבן א רוהיגן סדר. ביים סדר איז אויך געקומען דעם צדיק נסתר ר' מנחם מינכן זצוק"ל עס איז געווען א דערהויבענעם סדר און ווען מען האלט ביי "דם ואש ותמרות עשן" נעמט ארויס ר' יוסף פון בוזם א גאר אלטע הגדה און הויבט אן צו שרייען די ווערטער מיט א הויכן קול, און דערנאך חזר'ט ער מיט א קאך איבער און איבער די נעמען פון שופט און דער גוי.

ווען ער איז שטיל געווארן רופט ער צו ר' חיים און זאגט נעם שנעל די שיסל וואס מען האט אויסגעגאסן די ווין און גיב שטארק אכטונג אז קיין טראפ זאל זיך נישט אויסגיסן און גיי אוןווארף אריין די ווין אין בית הכסא, ווייל אויב איין טראפ וועט ארויספאלן קען ווערן א שריפה. און ר' חיים גייט זייער פארזיכטיג און גיסט אויס די ווין. און ווען ער קומט צוריק צום טיש און זאגט ער האט דערפילט דעם שליחות זאגט ר' יוסף יעצט וועט שוין דיין ידיד ארויסגיין אינגאנצן זכאי ביים משפט!

זאגט ר' חיים אז ער איז שוין געווען זיכער אז די ישועה איז דא אבער ער האט נישט געקענט רופן קיין לונדון ווייל דארטן איז נאך יו"ט און ער ווארט אומגעדולדיג אויף מוצאי יו"ט, און ער נעמט דעם טלפון און זאגט וואס איז געווען און וואס ר' יוסף האט געזאגט. די משפחה אין לונדון זענען געווען היסטעריש, ווייל עס האט געפאדערט זיך א נס למעלה מן הטבע ווייל הוכחות זענען געווען דא אים צו באשולדיגן, אבער זיי האבן זיך געשטארקט און אויף מארגן פאר מיטאג זענען די משפחה מיטן עורך דין זיך געזעצט אין בית המשפט און זייווארטן אויף די תובע פון רגירונג צו זאגן זיינס, און נאכדעם וועט זייער עורך דין זאגן זיינ'ס אבער צום וואונדער דער תובע שאקירט אלעמען און זאגט: מיר האבן טיפער אריינגעקוקט אין דעם ענין און מיר טרעפן נישט קלארע ראיות אז דער איד איז שולדיג און ממילא זענען מיר מבטל די תביעה!

דער שופט האט געהערט די רייד פון תובע און האט געפסקנט אז די תביעה איז בטל און דער איד איז נישט שולדיג און פריי פון אלע קלאגען אויף אים! די משפחה האט שוין דא געזען די גרויסע נס וואס ר' יוסף האט פארפראוועט. דער איד נעמט זיך רופן ר' חיים אין א"י און גיט אים איבער די גוטע נייעס זיע"א. [ר' יוסף איז נסתלק געווארן ל'ה בעומר כ' אייר ומנו"כ בהר הזיתים.] (ספר הצדיק הפלאי)

**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן_**

*א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים $22000, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה $35000 א חיבור פון נתיבות זיין ספר אמת ליעקב $140000 א זעלטענע שיינע תהלים זיטאמיר תרכ"ו דגל והודיה $25000, נישטא נאך אזא גלייכן, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן $7500, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות $3500, 42 מכתבים לרב גדול בדברי תורה שלא נדפסו, 2 אור שמח, 7 חזון איש, ר' מנחם זעמבא, רוגטשוב, ר' אלחנן, ר' ברוך בער,ועוד $125000 בריוו פון הייליגן חכם צבי $75000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $2000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל $1000, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 200$ ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע $2000. אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל $800. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן $2000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת